# בְּרֵאשִׁית

א בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹהִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ׃ וְהָאָרֶץ
ב הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ וְחֹשֶׁךְ עַל־פְּנֵי תְהוֹם וְרוּחַ אֱלֹהִים
ג מְרַחֶפֶת עַל־פְּנֵי הַמָּיִם׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי אוֹר וַיְהִי־
ד אוֹר׃ וַיַּרְא אֱלֹהִים אֶת־הָאוֹר כִּי־טוֹב וַיַּבְדֵּל אֱלֹהִים בֵּין
ה הָאוֹר וּבֵין הַחֹשֶׁךְ׃ וַיִּקְרָא אֱלֹהִים ׀ לָאוֹר יוֹם וְלַחֹשֶׁךְ
קָרָא לָיְלָה וַיְהִי־עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם אֶחָד׃ פ
ו וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי רָקִיעַ בְּתוֹךְ הַמָּיִם וִיהִי מַבְדִּיל בֵּין
ז מַיִם לָמָיִם׃ וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת־הָרָקִיעַ וַיַּבְדֵּל בֵּין הַמַּיִם
אֲשֶׁר מִתַּחַת לָרָקִיעַ וּבֵין הַמַּיִם אֲשֶׁר מֵעַל לָרָקִיעַ וַיְהִי־
ח כֵן׃ וַיִּקְרָא אֱלֹהִים לָרָקִיעַ שָׁמָיִם וַיְהִי־עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר
יוֹם שֵׁנִי׃ פ
ט וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יִקָּווּ הַמַּיִם מִתַּחַת הַשָּׁמַיִם אֶל־מָקוֹם אֶחָד
י וְתֵרָאֶה הַיַּבָּשָׁה וַיְהִי־כֵן׃ וַיִּקְרָא אֱלֹהִים ׀ לַיַּבָּשָׁה אֶרֶץ
יא וּלְמִקְוֵה הַמַּיִם קָרָא יַמִּים וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי־טוֹב׃ וַיֹּאמֶר
אֱלֹהִים תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא עֵשֶׂב מַזְרִיעַ זֶרַע עֵץ פְּרִי
עֹשֶׂה פְּרִי לְמִינוֹ אֲשֶׁר זַרְעוֹ־בוֹ עַל־הָאָרֶץ וַיְהִי־כֵן׃
יב וַתּוֹצֵא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא עֵשֶׂב מַזְרִיעַ זֶרַע לְמִינֵהוּ וְעֵץ עֹשֶׂה־
יג פְּרִי אֲשֶׁר זַרְעוֹ־בוֹ לְמִינֵהוּ וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי־טוֹב׃ וַיְהִי־
עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם שְׁלִישִׁי׃ פ
יד וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי מְאֹרֹת בִּרְקִיעַ הַשָּׁמַיִם לְהַבְדִּיל בֵּין
הַיּוֹם וּבֵין הַלָּיְלָה וְהָיוּ לְאֹתֹת וּלְמוֹעֲדִים וּלְיָמִים וְשָׁנִים׃

---

א, ב. ובהו   יא, הדי בזיק ובספרי ספרד ברביע

## א

1 אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד. 2 און די ערד איז געווען וויסט און ליידיק, און פינצטערניש איז געווען אויפן געזיכט פון תּהום, און דער גייסט פון גאָט האָט געשוועבט אויפן געזיכט פון די וואַסערן.

3 האָט גאָט געזאָגט: זאָל ווערן ליכט. און עס איז געוואָרן ליכט. 4 און גאָט האָט געזען דאָס ליכט אַז עס איז גוט; און גאָט האָט פאַנאַנדערגעשיידט צווישן דעם ליכט און צווישן דער פינצטערניש. 5 און גאָט האָט גערופן דאָס ליכט טאָג, און די פינצטערניש האָט ער גערופן נאַכט. און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן, איין טאָג.

6 האָט גאָט געזאָגט: זאָל ווערן אַן אויסשפרייט אין מיטן פון די וואַסערן, און ער זאָל פאַנאַנדערשיידן צווישן וואַסערן און וואַסערן. 7 און גאָט האָט געמאַכט דעם אויסשפרייט, און האָט פאַנאַנדערגעשיידט צווישן די וואַסערן וואָס אונטער דעם אויסשפרייט און צווישן די וואַסערן וואָס איבער דעם אויסשפרייט. און עס איז אַזוי געשען. 8 און גאָט האָט גערופן דעם אויסשפרייט הימל. און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן, אַ צווייטן טאָג.

9 האָט גאָט געזאָגט: זאָלן זיך אײַנזאַמלען די וואַסערן פון אונטערן הימל אין איין אָרט, און זאָל זיך באַווייזן די יבשה. און עס איז אַזוי געשען. 10 און גאָט האָט גערופן די יבשה ערד, און די אײַנזאַמלונג פון די וואַסערן האָט ער גערופן ימען. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט.

11 האָט גאָט געזאָגט: זאָל די ערד אַרויסגראָזן גראָז, קרײַטעכץ וואָס גיט אַרויס זאָמען, פרוכטביימער וואָס טראָגן פרוכט אויף דער ערד לויט זייערע מינים, וואָס זייער זאָמען איז אין זיי. און עס איז אַזוי געשען. 12 און די ערד האָט אַרויסגעבראַכט גראָז, קרײַטעכץ וואָס גיט אַרויס זאָמען לויט זיינע מינים, און ביימער וואָס טראָגן פרוכט, וואָס זייער זאָמען איז אין זיי, לויט זייערע מינים. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט. 13 און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן, אַ דריטן טאָג.

14 האָט גאָט געזאָגט: זאָלן ווערן ליכטער אין דעם אויסשפרייט פון הימל, פאַנאַנדערצושיידן צווישן דעם טאָג און צווישן דער נאַכט, און זיי זאָלן זיין פאַר צייכנס און פאַר צייטן, און פאַר טעג און יאָרן. 15 און זיי זאָלן זיין פאַר

ליכטער אין דעם אויסשפּרייט פון הימל, צו לייכטן אויף דער ערד. און עס איז אַזוי געשען. [16] און גאָט האָט געמאַכט די צוויי גרויסע ליכטער: דאָס גרעסערע ליכט פאַר דער געוועלטיקונג פון טאָג, און דאָס קלענערע ליכט פאַר דער געוועלטיקונג פון דער נאַכט; און די שטערן. [17] און גאָט האָט זיי אַריינגעזעצט אין דעם אויסשפּרייט פון הימל, צו לייכטן אויף דער ערד, [18] און צו געוועלטיקן איבער דעם טאָג און איבער דער נאַכט, און פאַנאַנדערצושיידן צווישן דעם ליכט און צווישן דער פינצטערניש. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט. [19] און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן, אַ פירטן טאָג.

[20] האָט גאָט געזאָגט: זאָל דאָס וואַסער ווידמענען אַ ווידמענונג פון לעבעדיקע באַשעפענישן, און פויגלען זאָלן פליען אויף דער ערד, איבערן פרייען אויסשפּרייט פון הימל. [21] און גאָט האָט באַשאַפן די גרויסע ים־חיות, און אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס קריכן, וואָס דאָס וואַסער האָט געווידמענט לויט זייערע מינים, און אַלע געפליגלטע פויגלען לויט זייערע מינים. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט.

[22] און גאָט האָט זיי געבענטשט, אַזוי צו זאָגן: פרוכפּערט אײַך און מערט אײַך, און פילט אָן די וואַסערן אין די ימען, און די פויגלען זאָלן זיך מערן אויף דער ערד. [23] און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פריי־מאָרגן, אַ פינפטן טאָג.

[24] האָט גאָט געזאָגט: זאָל די ערד אַרויסברענגען לעבעדיקע באַשעפענישן לויט זייערע מינים, בהמות און שרצים און חיות פון דער ערד לויט זייערע מינים. און עס איז אַזוי געשען. [25] און גאָט האָט געמאַכט די חיות פון דער ערד לויט זייערע מינים, און די בהמות לויט זייערע מינים, און אַלע שרצים פון דער ערד לויט זייערע מינים. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט.

[26] האָט גאָט געזאָגט: לאָמיר מאַכן מענטשן אין אונדזער געשטאַלט, לויט אונדזער גלײַכעניש, און זיי זאָלן געוועלטיקן איבער די פיש פון ים, און איבער די פויגלען פון הימל, און איבער די בהמות, און איבער דער גאַנצער ערד, און איבער אַלע שרצים וואָס קריכן אויף דער ערד. [27] און גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט; אין דער געשטאַלט פון גאָט האָט ער אים באַשאַפן; אַ זכר און אַ נקבה האָט ער זיי באַשאַפן.

[28] און גאָט האָט זיי געבענטשט, און גאָט האָט צו זיי געזאָגט: פרוכפּערט אײַך און מערט אײַך, און פילט אָן די ערד, און באַצווינגט זי, און געוועלטיקט איבער די פיש פון ים, און איבער די פויגלען פון הימל, און איבער אַלעם לעבעדיקן וואָס קריכט אויף דער ערד.

[29] און גאָט האָט געזאָגט: זעט, איך האָב אײַך געגעבן יעטוועדער קרײַטעכץ וואָס גיט אַרויס זאָמען, וואָס אויפן געזיכט פון דער גאַנצער ערד, און יעטוועדער בוים וואָס אויף אים איז דאָ בוים־פרוכט וואָס גיט אַרויס זאָמען; פאַר אײַך זאָל דאָס זיין צום עסן. [30] און פאַר אַלע חיות פון דער ערד, און פאַר אַלע פויגלען פון הימל, און פאַר

טו והיו למאורת ברקיע השמים להאיר על־הארץ ויהי־
טז כן: ויעש אלהים את־שני המארת הגדלים את־המאור
הגדל לממשלת היום ואת־המאור הקטן לממשלת
יז הלילה ואת הכוכבים: ויתן אתם אלהים ברקיע
יח השמים להאיר על־הארץ: ולמשל ביום ובלילה
ולהבדיל בין האור ובין החשך וירא אלהים כי־טוב:
יט ויהי־ערב ויהי־בקר יום רביעי: פ
כ ויאמר אלהים ישרצו המים שרץ נפש חיה ועוף יעופף
כא על־הארץ על־פני רקיע השמים: ויברא אלהים את־
התנינם הגדלים ואת כל־נפש החיה | הרמשת אשר
שרצו המים למינהם ואת כל־עוף כנף למינהו וירא
כב אלהים כי־טוב: ויברך אתם אלהים לאמר פרו ורבו
כג ומלאו את־המים בימים והעוף ירב בארץ: ויהי־ערב
ויהי־בקר יום חמישי: פ
כד ויאמר אלהים תוצא הארץ נפש חיה למינה בהמה
כה ורמש וחיתו־ארץ למינה ויהי־כן: ויעש אלהים את־
חית הארץ למינה ואת־הבהמה למינה ואת כל־רמש
כו האדמה למינהו וירא אלהים כי־טוב: ויאמר אלהים
נעשה אדם בצלמנו כדמותנו וירדו בדגת הים ובעוף
השמים ובבהמה ובכל־הארץ ובכל־הרמש הרמש על־
כז הארץ: ויברא אלהים | את־האדם בצלמו בצלם אלהים
כח ברא אתו זכר ונקבה ברא אתם: ויברך אתם אלהים
ויאמר להם אלהים פרו ורבו ומלאו את־הארץ וכבשה
ורדו בדגת הים ובעוף השמים ובכל־חיה הרמשת על־
כט הארץ: ויאמר אלהים הנה נתתי לכם את־כל־עשב |
זרע זרע אשר על־פני כל־הארץ ואת־כל־העץ אשר־
ל בו פרי־עץ זרע זרע לכם יהיה לאכלה: ולכל־חית

יח, נ״א ולהבדיל  כא, חסר י׳ בתראה

הָאָרֶץ וּלְכָל־עוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְכֹל ׀ רוֹמֵשׂ עַל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־
בּוֹ נֶפֶשׁ חַיָּה אֶת־כָּל־יֶרֶק עֵשֶׂב לְאָכְלָה וַיְהִי־כֵן׃ וַיַּרְא לא
אֱלֹהִים אֶת־כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה וְהִנֵּה־טוֹב מְאֹד וַיְהִי־עֶרֶב
וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם הַשִּׁשִּׁי׃ פ

ב

וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל־צְבָאָם׃ וַיְכַל אֱלֹהִים בַּיּוֹם א ב
הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה וַיִּשְׁבֹּת בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי
מִכָּל־מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה׃ וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים אֶת־יוֹם ג
הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ כִּי בוֹ שָׁבַת מִכָּל־מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר־
בָּרָא אֱלֹהִים לַעֲשׂוֹת׃ פ
אֵלֶּה תוֹלְדוֹת הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ בְּהִבָּרְאָם בְּיוֹם עֲשׂוֹת יְהוָה שני
אֱלֹהִים אֶרֶץ וְשָׁמָיִם׃ וְכֹל ׀ שִׂיחַ הַשָּׂדֶה טֶרֶם יִהְיֶה ה
בָאָרֶץ וְכָל־עֵשֶׂב הַשָּׂדֶה טֶרֶם יִצְמָח כִּי לֹא הִמְטִיר יְהוָה
אֱלֹהִים עַל־הָאָרֶץ וְאָדָם אַיִן לַעֲבֹד אֶת־הָאֲדָמָה׃ וְאֵד ו
יַעֲלֶה מִן־הָאָרֶץ וְהִשְׁקָה אֶת־כָּל־פְּנֵי־הָאֲדָמָה׃ וַיִּיצֶר ז
יְהוָה אֱלֹהִים אֶת־הָאָדָם עָפָר מִן־הָאֲדָמָה וַיִּפַּח בְּאַפָּיו
נִשְׁמַת חַיִּים וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה׃ וַיִּטַּע יְהוָה אֱלֹהִים ח
גַּן בְּעֵדֶן מִקֶּדֶם וַיָּשֶׂם שָׁם אֶת־הָאָדָם אֲשֶׁר יָצָר׃ וַיַּצְמַח ט
יְהוָה אֱלֹהִים מִן־הָאֲדָמָה כָּל־עֵץ נֶחְמָד לְמַרְאֶה וְטוֹב
לְמַאֲכָל וְעֵץ הַחַיִּים בְּתוֹךְ הַגָּן וְעֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע׃
וְנָהָר יֹצֵא מֵעֵדֶן לְהַשְׁקוֹת אֶת־הַגָּן וּמִשָּׁם יִפָּרֵד וְהָיָה י
לְאַרְבָּעָה רָאשִׁים׃ שֵׁם הָאֶחָד פִּישׁוֹן הוּא הַסֹּבֵב אֵת יא
כָּל־אֶרֶץ הַחֲוִילָה אֲשֶׁר־שָׁם הַזָּהָב׃ וּזֲהַב הָאָרֶץ הַהִוא יב
טוֹב שָׁם הַבְּדֹלַח וְאֶבֶן הַשֹּׁהַם׃ וְשֵׁם־הַנָּהָר הַשֵּׁנִי גִּיחוֹן יג
הוּא הַסּוֹבֵב אֵת כָּל־אֶרֶץ כּוּשׁ׃ וְשֵׁם הַנָּהָר הַשְּׁלִישִׁי יד
חִדֶּקֶל הוּא הַהֹלֵךְ קִדְמַת אַשּׁוּר וְהַנָּהָר הָרְבִיעִי הוּא
פְרָת׃ וַיִּקַּח יְהוָה אֱלֹהִים אֶת־הָאָדָם וַיַּנִּחֵהוּ בְגַן־עֵדֶן טו

ב,ד' ה זעירא

אַלץ וואָס קריכט אויף דער ערד, וואָס אין אים איז דאָ אַ לעבעדיקער אָטעם, איז יעטוועדער גרין קרייטעכץ צום עסן. און עס איז אַזוי געווען.

31 און גאָט האָט געזען אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט, ערשט עס איז זייער גוט. און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן, דעם זעקסטן טאָג.

ב 1 אַזוי זיינען פאַרענדיקט געוואָרן דער הימל און די ערד און זייער גאַנצער חיל. 2 און גאָט האָט גע־ענדיקט צום זיבעטן טאָג זיין אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט, און ער האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג פון זיין גאַנצער אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט. 3 און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג, און האָט אים געהייליקט, וואָרום אין אים האָט ער גערוט פון זיין גאַנצער אַרבעט וואָס גאָט האָט באַשאַפנדיק געמאַכט.

4 דאָס איז די געשיכטע פון דעם הימל און דער ערד ווען זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן, אין דעם טאָג וואָס גאָט דער האַר האָט געמאַכט ערד און הימל.

5 און קיין ביימל פון פעלד איז נאָך ניט געווען אויף דער ערד, און קיין קרייטעכץ פון פעלד האָט נאָך ניט געשפּראָצט, וואָרום גאָט דער האַר האָט ניט געמאַכט רעגנען אויף דער ערד, און אַ מענטש איז ניט געווען צו באַאַרבעטן די ערד; 6 נאָר אַ נעבל פלעגט אויפגיין פון דער ערד, און פלעגט אָנטרינקען דאָס גאַנצע געזיכט פון דער ערד. 7 האָט גאָט דער האַר געפורעמט דעם מענטשן פון שטויב פון דער ערד, און האָט אַריינגע־בלאָזן אין זיינע נאָזלעכער אַן אָטעם פון לעבן, און דער מענטש איז געוואָרן אַ לעבעדיקער נפש. 8 און גאָט דער האַר האָט געפלאַנצט אַ גאָרטן אין עֵדֶן, אין מזרח, און האָט דאָרטן אַריינגעזעצט דעם מענטשן וואָס ער האָט גע־פורעמט. 9 און גאָט דער האַר האָט געמאַכט שפּראָצן פון דער ערד אַלערליי ביימער גלוסטיק אָנצוקוקן און גוט צום עסן; אויך דעם בוים פון לעבן, אין מיטן גאָרטן, און דעם בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס.

10 און אַ טייך איז אַרויסגעגאַנגען פון עֵדֶן אָנצוטרינקען דעם גאָרטן, און פון דאָרטן האָט ער זיך צעשיידט, און איז געוואָרן פיר טיילן. 11 דער נאָמען פון איינעם איז פּישון; דאָס איז דער וואָס רינגלט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד חֲוִילָה, וואָס דאָרטן איז דאָ גאָלד; 12 און דאָס גאָלד פון יענעם לאַנד איז גוט. דאָרטן איז דער בדולַח[א] און דער אָניקלשטיין. 13 און דער נאָמען פון צווייטן טייך איז גיחון; דאָס איז דער וואָס רינגלט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד כּוש. 14 און דער נאָמען פון דריטן טייך איז חִדֶּקֶל; דאָס איז דער וואָס גייט צו מזרח פון אַשור. און דער פירטער טייך, דאָס איז פְּרָת.

15 און גאָט דער האַר האָט גענומען דעם מענטשן, און האָט אים אַריינגעזעצט אין גאָרטן פון עֵדֶן, אים צו

[א] אַ מין שמעקעדיקע בוימפעך. לויט אַנדערע: אַ מין טייער שטיין, אָדער פּערל.

טו לְעָבְדָהּ וּלְשָׁמְרָהּ׃ וַיְצַו יְהוָה אֱלֹהִים עַל־הָאָדָם לֵאמֹר
יז מִכֹּל עֵץ הַגָּן אָכֹל תֹּאכֵל׃ וּמֵעֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע לֹא
יח תֹאכַל מִמֶּנּוּ כִּי בְּיוֹם אֲכָלְךָ מִמֶּנּוּ מוֹת תָּמוּת׃ וַיֹּאמֶר
יְהוָה אֱלֹהִים לֹא־טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ אֶעֱשֶׂה־לּוֹ עֵזֶר
יט כְּנֶגְדּוֹ׃ וַיִּצֶר יְהוָה אֱלֹהִים מִן־הָאֲדָמָה כָּל־חַיַּת הַשָּׂדֶה
וְאֵת כָּל־עוֹף הַשָּׁמַיִם וַיָּבֵא אֶל־הָאָדָם לִרְאוֹת מַה־יִּקְרָא־
לוֹ וְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָא־לוֹ הָאָדָם נֶפֶשׁ חַיָּה הוּא שְׁמוֹ׃
של׳ וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁמוֹת לְכָל־הַבְּהֵמָה וּלְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְכֹל
כא חַיַּת הַשָּׂדֶה וּלְאָדָם לֹא־מָצָא עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ׃ וַיַּפֵּל יְהוָה
אֱלֹהִים ׀ תַּרְדֵּמָה עַל־הָאָדָם וַיִּישָׁן וַיִּקַּח אַחַת מִצַּלְעֹתָיו
כב וַיִּסְגֹּר בָּשָׂר תַּחְתֶּנָּה׃ וַיִּבֶן יְהוָה אֱלֹהִים ׀ אֶת־הַצֵּלָע אֲשֶׁר־
כג לָקַח מִן־הָאָדָם לְאִשָּׁה וַיְבִאֶהָ אֶל־הָאָדָם׃ וַיֹּאמֶר הָאָדָם
זֹאת הַפַּעַם עֶצֶם מֵעֲצָמַי וּבָשָׂר מִבְּשָׂרִי לְזֹאת יִקָּרֵא אִשָּׁה
כד כִּי מֵאִישׁ לֻקֳחָה־זֹּאת׃ עַל־כֵּן יַעֲזָב־אִישׁ אֶת־אָבִיו וְאֶת־
כה אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד׃ וַיִּהְיוּ שְׁנֵיהֶם
עֲרוּמִּים הָאָדָם וְאִשְׁתּוֹ וְלֹא יִתְבֹּשָׁשׁוּ׃

ג

א וְהַנָּחָשׁ הָיָה עָרוּם מִכֹּל חַיַּת הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה
אֱלֹהִים וַיֹּאמֶר אֶל־הָאִשָּׁה אַף כִּי־אָמַר אֱלֹהִים לֹא תֹאכְלוּ
ב מִכֹּל עֵץ הַגָּן׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה אֶל־הַנָּחָשׁ מִפְּרִי עֵץ־הַגָּן
ג נֹאכֵל׃ וּמִפְּרִי הָעֵץ אֲשֶׁר בְּתוֹךְ־הַגָּן אָמַר אֱלֹהִים לֹא
ד תֹאכְלוּ מִמֶּנּוּ וְלֹא תִגְּעוּ בּוֹ פֶּן תְּמֻתוּן׃ וַיֹּאמֶר הַנָּחָשׁ
ה אֶל־הָאִשָּׁה לֹא־מוֹת תְּמֻתוּן׃ כִּי יֹדֵעַ אֱלֹהִים כִּי בְּיוֹם
אֲכָלְכֶם מִמֶּנּוּ וְנִפְקְחוּ עֵינֵיכֶם וִהְיִיתֶם כֵּאלֹהִים יֹדְעֵי טוֹב
ו וָרָע׃ וַתֵּרֶא הָאִשָּׁה כִּי טוֹב הָעֵץ לְמַאֲכָל וְכִי תַאֲוָה־הוּא
לָעֵינַיִם וְנֶחְמָד הָעֵץ לְהַשְׂכִּיל וַתִּקַּח מִפִּרְיוֹ וַתֹּאכַל וַתִּתֵּן
ז גַּם־לְאִישָׁהּ עִמָּהּ וַיֹּאכַל׃ וַתִּפָּקַחְנָה עֵינֵי שְׁנֵיהֶם וַיֵּדְעוּ כִּי

ב,כב׳ קמץ ומלרע   כה׳ דגש אחר שורק   ג,ו׳ פתח באסף

באַאַרבעטן און אים צו היטן. 16 און גאָט דער האַר האָט אָנגעזאָגט דעם מענטשן, אַזוי צו זאָגן: פון אַלע ביימער פון גאָרטן מעגסטו עסן; 17 אָבער פון דעם בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס, פון אים זאָלסטו ניט עסן, וואָרום אין דעם טאָג וואָס דו עסט פון אים, וועסטו זיכער שטאַרבן.

18 און גאָט דער האַר האָט געזאָגט: עס איז ניט גוט דער מענטש זאָל זיין אַליין; איך וועל אים מאַכן אַ געהילף ווערדליק פאַר אים. 19 און גאָט דער האַר האָט געפורעמט פון דער ערד אַלערליי חיות פון פעלד און אַלערליי פויגלען פון הימל, און געבראַכט צו דעם מענטשן, צו זען וואָס ער וועט זיי רופן, און וואָס נאָר דער מענטש וועט רופן איטלעך לעבעדיקע באַשעפעניש, דאָס זאָל זיין איר נאָמען. 20 האָט דער מענטש אָנגערופן נעמען פאַר אַלע בהמות, און פאַר די פויגלען פון הימל, און פאַר אַלע חיות פון פעלד; אָבער פאַר אָדָמען האָט ער ניט געפונען אַ געהילף ווערדליק פאַר אים. 21 האָט גאָט דער האַר געלאָזט פאַלן אַ טיפן שלאָף אויף דעם מענטשן, און ער איז איינגעשלאָפן; און ער האָט אַרויסגענומען איינע פון זיינע ריפן, און האָט פאַרשטאָפּט איר אָרט מיט פלייש. 22 און גאָט דער האַר האָט געבויט פון דער ריפּ, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דעם מענטשן, אַ פרוי, און האָט זי געבראַכט צו דעם מענטשן. 23 האָט דער מענטש געזאָגט: דאָס מאָל איז דאָס אַ ביין פון מיינע ביינער, און פלייש פון מיין פלייש; דידאָזיקע זאָל גערופן ווערן פרוי, ווייל פון אַ מאַן[א] איז גענומען געוואָרן דידאָזיקע. 24 דרום פאַרלאָזט אַ מאַן זיין פאָטער און זיין מוטער, און באַהעפט זיך אָן זיין ווייב, און זיי ווערן איין לייב.

25 און זיי זיינען ביידע געווען נאַקעט, דער מענטש און זיין ווייב, און זיי פלעגן זיך ניט שעמען.

ג 1 און די שלאַנג איז געווען ליסטיקער פון אַלע חיות פון פעלד וואָס גאָט דער האַר האָט געמאַכט, און זי האָט געזאָגט צו דער פרוי: ניט־שוין האָט גאָט געזאָגט, איר זאָלט ניט עסן פון קיין בוים פון גאָרטן? 2 האָט די פרוי געזאָגט צו דער שלאַנג: פון דער פרוכט פון די ביימער פון גאָרטן מעגן מיר עסן, 3 נאָר פון דער פרוכט פון דעם בוים וואָס אין מיטן גאָרטן האָט גאָט געזאָגט: איר זאָלט דערפון ניט עסן, און איר זאָלט זיך דעראָן ניט אָנרירן, אַז איסט וועט איר שטאַרבן. 4 האָט די שלאַנג געזאָגט צו דער פרוי: שטאַרבן וועט איר ניט שטאַרבן, 5 נאָר גאָט ווייס אַז אין דעם טאָג וואָס איר עסט דערפון, וועלן זיך עפענען אייערע אויגן, און איר וועט זיין אַזוי ווי גאָט צו וויסן גוטס און שלעכטס. 6 האָט די פרוי געזען אַז דער בוים איז גוט צום עסן, און אַז ער איז אַ גאַרונג פאַר די אויגן, און דער בוים איז גלוסטיק אָנצוקוקן, און זי האָט גענומען פון זיין פרוכט, און האָט געגעסן; און זי האָט אויך געגעבן איר מאַן מיט איר, און ער האָט געגעסן. 7 און זייערע ביידנס אויגן האָבן זיך געעפנט, און זיי האָבן געוווסט אַז

[א] אִשָּׁה–אִישׁ.

עֵירֻמִּם הֵם וַיִּתְפְּרוּ עֲלֵה תְאֵנָה וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם חֲגֹרֹת׃
וַיִּשְׁמְעוּ אֶת־קוֹל יְהוָה אֱלֹהִים מִתְהַלֵּךְ בַּגָּן לְרוּחַ הַיּוֹם ח
וַיִּתְחַבֵּא הָאָדָם וְאִשְׁתּוֹ מִפְּנֵי יְהוָה אֱלֹהִים בְּתוֹךְ עֵץ הַגָּן׃
וַיִּקְרָא יְהוָה אֱלֹהִים אֶל־הָאָדָם וַיֹּאמֶר לוֹ אַיֶּכָּה׃ וַיֹּאמֶר ט י
אֶת־קֹלְךָ שָׁמַעְתִּי בַּגָּן וָאִירָא כִּי־עֵירֹם אָנֹכִי וָאֵחָבֵא׃
וַיֹּאמֶר מִי הִגִּיד לְךָ כִּי עֵירֹם אָתָּה הֲמִן־הָעֵץ אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ יא
לְבִלְתִּי אֲכָל־מִמֶּנּוּ אָכָלְתָּ׃ וַיֹּאמֶר הָאָדָם הָאִשָּׁה אֲשֶׁר יב
נָתַתָּה עִמָּדִי הִוא נָתְנָה־לִּי מִן־הָעֵץ וָאֹכֵל׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה יג
אֱלֹהִים לָאִשָּׁה מַה־זֹּאת עָשִׂית וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה הַנָּחָשׁ
הִשִּׁיאַנִי וָאֹכֵל׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֱלֹהִים ׀ אֶל־הַנָּחָשׁ כִּי עָשִׂיתָ יד
זֹּאת אָרוּר אַתָּה מִכָּל־הַבְּהֵמָה וּמִכֹּל חַיַּת הַשָּׂדֶה עַל־
גְּחֹנְךָ תֵלֵךְ וְעָפָר תֹּאכַל כָּל־יְמֵי חַיֶּיךָ׃ וְאֵיבָה ׀ אָשִׁית טו
בֵּינְךָ וּבֵין הָאִשָּׁה וּבֵין זַרְעֲךָ וּבֵין זַרְעָהּ הוּא יְשׁוּפְךָ רֹאשׁ
וְאַתָּה תְּשׁוּפֶנּוּ עָקֵב׃ ס אֶל־הָאִשָּׁה אָמַר הַרְבָּה אַרְבֶּה טז
עִצְּבוֹנֵךְ וְהֵרֹנֵךְ בְּעֶצֶב תֵּלְדִי בָנִים וְאֶל־אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ
וְהוּא יִמְשָׁל־בָּךְ׃ ס וּלְאָדָם אָמַר כִּי שָׁמַעְתָּ לְקוֹל יז
אִשְׁתֶּךָ וַתֹּאכַל מִן־הָעֵץ אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ לֵאמֹר לֹא תֹאכַל
מִמֶּנּוּ אֲרוּרָה הָאֲדָמָה בַּעֲבוּרֶךָ בְּעִצָּבוֹן תֹּאכְלֶנָּה כֹּל יְמֵי
חַיֶּיךָ׃ וְקוֹץ וְדַרְדַּר תַּצְמִיחַ לָךְ וְאָכַלְתָּ אֶת־עֵשֶׂב הַשָּׂדֶה׃ יח
בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם עַד שׁוּבְךָ אֶל־הָאֲדָמָה יט
כִּי מִמֶּנָּה לֻקָּחְתָּ כִּי־עָפָר אַתָּה וְאֶל־עָפָר תָּשׁוּב׃
וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁם אִשְׁתּוֹ חַוָּה כִּי הִוא הָיְתָה אֵם כָּל־ כ
חָי׃ וַיַּעַשׂ יְהוָה אֱלֹהִים לְאָדָם וּלְאִשְׁתּוֹ כָּתְנוֹת עוֹר כא
וַיַּלְבִּשֵׁם׃
פ
וַיֹּאמֶר ׀ יְהוָה אֱלֹהִים הֵן הָאָדָם הָיָה כְּאַחַד מִמֶּנּוּ לָדַעַת כב
טוֹב וָרָע וְעַתָּה ׀ פֶּן־יִשְׁלַח יָדוֹ וְלָקַח גַּם מֵעֵץ הַחַיִּים
וְאָכַל וָחַי לְעֹלָם׃ וַיְשַׁלְּחֵהוּ יְהוָה אֱלֹהִים מִגַּן־עֵדֶן לַעֲבֹד כג
אֶת־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר לֻקַּח מִשָּׁם׃ וַיְגָרֶשׁ אֶת־הָאָדָם וַיַּשְׁכֵּן כד

זיי זיינען נאַקעט; האָבן זיי צונויפגענייט פייגנבלעטער, און זיך געמאַכט גאַרטלען.

8 און זיי האָבן געהערט דעם קָול פון גאָט דעם האַר, ווי ער גייט אַרום אין גאָרטן אין דער קילקייט פון טאָג; און דער מענטש און זיין ווייב האָבן זיך באַהאַלטן פאַר גאָט דעם האַר צווישן די ביימער פון גאָרטן. 9 האָט גאָט דער האַר גערופן צו דעם מענטשן, און האָט צו אים געזאָגט: ווו ביסטו? 10 האָט ער געענטפערט: איך האָב געהערט דיין קָול אין גאָרטן, און איך האָב מורא געהאַט, ווייל איך בין נאַקעט, האָב איך מיך באַהאַלטן. 11 האָט ער געזאָגט: ווער האָט דיר געזאָגט אַז דו ביסט נאַקעט? האָסטו געגעסן פון דעם בוים וואָס איך האָב דיר אָנגע־זאָגט ניט צו עסן פון אים? 12 האָט דער מענטש געזאָגט: די ווייב וואָס דו האָסט מיר געגעבן, זי האָט מיר געגעבן פון דעם בוים, און איך האָב געגעסן.

13 האָט גאָט דער האַר געזאָגט צו דער פרוי: וואָס האָסטו דאָ געטאָן? האָט די פרוי געזאָגט: די שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט, און איך האָב געגעסן.

14 האָט גאָט דער האַר געזאָגט צו דער שלאַנג: ווייל דו האָסט דאָס געטאָן, זאָלסטו זיין פאַרשאָלטן פון צווישן אַלע בהמות, און פון צווישן אַלע חיות פון פעלד; אויף דיין בויך זאָלסטו גיין, און שטויב זאָלסטו עסן אַלע טעג פון דיין לעבן. 15 און אַ פיינטשאַפט וועל איך מאַכן צווישן דיר און צווישן דער פרוי, און צווישן דיין זאָמען און צווישן איר זאָמען; ער וועט דיך טרעפן אין קאָפ, און דו וועסט אים טרעפן אין טריט.

16 צו דער פרוי האָט ער געזאָגט: מערן וועל איך מערן דיין מאַטערניש און דיין טראָגווייעניש; מיט יסורים וועסטו געבערן קינדער, און צו דיין מאַן וועט זיין דיין גלוסטונג, און ער וועט געוועלטיקן איבער דיר.

17 און צו אָדָמען האָט ער געזאָגט: ווייל דו האָסט צוגעהערט צו דעם קָול פון דיין ווייב, און געגעסן פון דעם בוים וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט פון אים ניט עסן; זאָל די ערד זיין פאַרשאָלטן פון דיינעטוועגן; מיט מאַטערניש זאָלסטו זיך נערן פון איר אַלע טעג פון דיין לעבן. 18 און דערנער און שטעכיק געוועקס זאָל זי דיר מאַכן שפּראָצן, און זאָלסט עסן קרייטעכץ פון פעלד. 19 מיט דעם שווייס פון דיין פנים זאָלסטו עסן ברויט, ביז דו קערסט זיך אום צו דער ערד; ווייל פון איר ביסטו גענומען געוואָרן; וואָרום שטויב ביסטו, און צו שטויב זאָלסטו זיך אומקערן.

20 און דער מענטש האָט גערופן דעם נאָמען פון זיין ווייב חַוָה[א], ווייל זי איז געווען די מוטער פון אַלעם לעבעדיקן.

21 און גאָט דער האַר האָט געמאַכט פאַר אָדָמען און פאַר זיין ווייב העמדלעך פון פעל, און האָט זיי באַקליידט.

22 און גאָט דער האַר האָט געזאָגט: זע, דער מענטש איז געוואָרן ווי איינער פון אונדז צו וויסן גוטס און שלעכטס, און אַצונד קען ער נאָך אויסשטרעקן זיין האַנט, און נעמען אויך פון דעם בוים פון לעבן, און ער וועט עסן, און וועט לעבן אייביק. 23 האָט גאָט דער האַר אים אַרויסגעשיקט פון דעם גאָרטן פון עֵדֶן, צו באַאַרבעטן די ערד, וואָס ער איז פון דאָרטן גענומען געוואָרן. 24 און ער האָט אַרויסגעטריבן דעם מענטשן; און ער האָט אַריינגעזעצט אין מזרח

א לעבן.

פון דעם גאָרטן פון עֵדֶן די כּרובים, און די פלאַמיקע
שווערד וואָס דרייט זיך, צו היטן דעם וועג צום בוים פון
לעבן.

ד [1] און דער מענטש האָט דערקענט זיין ווייב חַוָהן,
און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן
קַיִנען, און זי האָט געזאָגט: איך האָב געקריגןא אַ מאַן דורך
גאָט. [2] און זי האָט ווידער געבאָרן—זיין ברודער הֶבלען.
און הֶבל איז געווען אַ פּאַסטוך פון שאָף, און קַיִן
איז געווען אַן ערדאַרבעטער. [3] און עס איז געווען נאָך
אַ פאַרלויף פון טעג, האָט קַיִן געבראַכט פון דער פּרוכט
פון דער ערד אַ קרבן צו גאָט. [4] און הֶבל, ער אויך האָט
געבראַכט פון די ערשטלינגען פון זיינע שאָף און פון זייערע
פעטסטע. און גאָט האָט זיך געקערט צו הֶבלען און צו
זיין קרבן, [5] און צו קַיִנען און צו זיין קרבן האָט ער זיך
ניט געקערט. האָט קַיִנען זייער געערגערט, און זיין פּנים
איז אַראָפּגעפאַלן. [6] האָט גאָט געזאָגט צו קַיִנען: פאַרוואָס
פאַרדריסט דיך, און פאַרוואָס איז אַראָפּגעפאַלן דיין
פּנים? [7] פאַרוואָר, אויב דו וועסט גוטס טאָן וועסטו אויפ־
גענומען ווערן, און אויב דו וועסט ניט גוטס טאָן, הויערט
די זינד ביי דער טיר; און צו דיר איז איר גלוסטונג, אָבער
דו קענסט געוועלטיקן איבער איר.

[8] האָט קַיִן גערעדט צו זיין ברודער הֶבלען. און
עס איז געווען, ווי זיי זיינען געווען אין פעלד, אַזוי איז קַיִן
אויפגעשטאַנען קעגן זיין ברודער הֶבלען, און האָט אים
געהרגעט.

[9] האָט גאָט געזאָגט צו קַיִנען: ווו איז דיין ברודער הֶבל? האָט ער געזאָגט: איך ווייס ניט; בין איך דען דער
שומר פון מיין ברודער? [10] האָט ער געזאָגט: וואָס האָסטו געטאָן? דער קול פון דיין ברודערס בלוט שרייט צו מיר
פון דער ערד. [11] און אַצונד, פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין פון דער ערד וואָס האָט אויפגעמאַכט איר מויל צוצונעמען
דיין ברודערס בלוט פון דיין האַנט. [12] אַז דו וועסט באַאַרבעטן די ערד, זאָל זי דיר מער ניט געבן איר קראַפט;
נָע־וָנָד זאָלסטו זיין אויף דער ערד. [13] האָט קַיִן געזאָגט צו גאָט: מיין שטראָף איז צו גרויס אַריבערצוטראָגן. [14] אָט
האָסטו מיך היינט פאַרטריבן פון דעם געזיכט פון לאַנד, און פון דיין פּנים וועל איך זיין פאַרבאָרגן, און איך וועל זיין
נָע־וָנָד אויף דער ערד; וועט זיין, ווער־נאָר עס טרעפט מיך וועט מיך דערהרגען. [15] האָט גאָט צו אים געזאָגט: דרום
ווער־נאָר עס הרגעט קַיִנען זאָל זיבנפאַך גענומען ווערן נקמה פון אים. און גאָט האָט געמאַכט קַיִנען אַ צייכן, אַז קיינער
וואָס טרעפט אים, זאָל אים ניט דערשלאָגן.

[16] און קַיִן איז אַוועקגעגאַנגען פון פאַר גאָט, און האָט זיך באַזעצט אין לאַנד נודב, אין מזרח פון עֵדֶן. [17] און קַיִן
האָט דערקענט זיין ווייב, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן חֲנוֹכן. און ער האָט געבויט אַ שטאָט, און האָט
גערופן דעם נאָמען פון דער שטאָט אַזוי ווי דער נאָמען פון זיין זון, חֲנוֹך. [18] און ביי חֲנוֹכן איז געבאָרן געוואָרן עִירָד,
און עִירָד האָט געבאָרן מחוּיָאֵלן, און מחוּיָאֵלג האָט געבאָרן מתוּשָאֵלן, און מתוּשָאֵל האָט געבאָרן לֶמֶכן. [19] און לֶמֶך האָט

א קָנִיתִי. ב וואָגלעניש. ג אין טעקסט: מחִיָּיאֵל.

מִקֶּדֶם לְגַן־עֵדֶן אֶת־הַכְּרֻבִים וְאֵת לַהַט הַחֶרֶב הַמִּתְהַפֶּכֶת
לִשְׁמֹר אֶת־דֶּרֶךְ עֵץ הַחַיִּים׃ ס

ד

א וְהָאָדָם יָדַע אֶת־חַוָּה אִשְׁתּוֹ וַתַּהַר וַתֵּלֶד אֶת־קַיִן וַתֹּאמֶר
ב קָנִיתִי אִישׁ אֶת־יְהוָה׃ וַתֹּסֶף לָלֶדֶת אֶת־אָחִיו אֶת־הָבֶל
ג וַיְהִי־הֶבֶל רֹעֵה צֹאן וְקַיִן הָיָה עֹבֵד אֲדָמָה׃ וַיְהִי מִקֵּץ
ד יָמִים וַיָּבֵא קַיִן מִפְּרִי הָאֲדָמָה מִנְחָה לַיהוָה׃ וְהֶבֶל הֵבִיא
גַם־הוּא מִבְּכֹרוֹת צֹאנוֹ וּמֵחֶלְבֵהֶן וַיִּשַׁע יְהוָה אֶל־הֶבֶל
ה וְאֶל־מִנְחָתוֹ׃ וְאֶל־קַיִן וְאֶל־מִנְחָתוֹ לֹא שָׁעָה וַיִּחַר לְקַיִן
ו מְאֹד וַיִּפְּלוּ פָּנָיו׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־קָיִן לָמָּה חָרָה לָךְ
ז וְלָמָּה נָפְלוּ פָנֶיךָ׃ הֲלוֹא אִם־תֵּיטִיב שְׂאֵת וְאִם לֹא
תֵיטִיב לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ וְאֵלֶיךָ תְּשׁוּקָתוֹ וְאַתָּה תִּמְשָׁל־
ח בּוֹ׃ וַיֹּאמֶר קַיִן אֶל־הֶבֶל אָחִיו *וַיְהִי בִּהְיוֹתָם בַּשָּׂדֶה וַיָּקָם
ט קַיִן אֶל־הֶבֶל אָחִיו וַיַּהַרְגֵהוּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־קַיִן אֵי
י הֶבֶל אָחִיךָ וַיֹּאמֶר לֹא יָדַעְתִּי הֲשֹׁמֵר אָחִי אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר
יא מֶה עָשִׂיתָ קוֹל דְּמֵי אָחִיךָ צֹעֲקִים אֵלַי מִן־הָאֲדָמָה׃ וְעַתָּה
אָרוּר אָתָּה מִן־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר פָּצְתָה אֶת־פִּיהָ לָקַחַת אֶת־
יב דְּמֵי אָחִיךָ מִיָּדֶךָ׃ כִּי תַעֲבֹד אֶת־הָאֲדָמָה לֹא־תֹסֵף תֵּת־כֹּחָהּ
יג לָךְ נָע וָנָד תִּהְיֶה בָאָרֶץ׃ וַיֹּאמֶר קַיִן אֶל־יְהוָה גָּדוֹל עֲוֹנִי
יד מִנְּשֹׂא׃ הֵן גֵּרַשְׁתָּ אֹתִי הַיּוֹם מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה וּמִפָּנֶיךָ אֶסָּתֵר
טו וְהָיִיתִי נָע וָנָד בָּאָרֶץ וְהָיָה כָל־מֹצְאִי יַהַרְגֵנִי׃ וַיֹּאמֶר לוֹ יְהוָה
לָכֵן כָּל־הֹרֵג קַיִן שִׁבְעָתַיִם יֻקָּם וַיָּשֶׂם יְהוָה לְקַיִן אוֹת לְבִלְתִּי
טז הַכּוֹת־אֹתוֹ כָּל־מֹצְאוֹ׃ וַיֵּצֵא קַיִן מִלִּפְנֵי יְהוָה וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ־
יז נוֹד קִדְמַת־עֵדֶן׃ וַיֵּדַע קַיִן אֶת־אִשְׁתּוֹ וַתַּהַר וַתֵּלֶד אֶת־
חֲנוֹךְ וַיְהִי בֹּנֶה עִיר וַיִּקְרָא שֵׁם הָעִיר כְּשֵׁם בְּנוֹ חֲנוֹךְ׃
יח וַיִּוָּלֵד לַחֲנוֹךְ אֶת־עִירָד וְעִירָד יָלַד אֶת־מְחוּיָאֵל וּמְחִיָּיאֵל
חמ׳ יָלַד אֶת־מְתוּשָׁאֵל וּמְתוּשָׁאֵל יָלַד אֶת־לָמֶךְ׃ וַיִּקַּח־לוֹ לֶמֶךְ

ד, ג׳ מלרע   ד׳ ב׳ רפה   ה׳ בלא פסקא

שְׁתֵּי נָשִׁים שֵׁם הָאַחַת עָדָה וְשֵׁם הַשֵּׁנִית צִלָּה׃ וַתֵּלֶד עָדָה כ
אֶת־יָבָל הוּא הָיָה אֲבִי יֹשֵׁב אֹהֶל וּמִקְנֶה׃ וְשֵׁם אָחִיו יוּבָל הוּא כא
הָיָה אֲבִי כָּל־תֹּפֵשׂ כִּנּוֹר וְעוּגָב׃ וְצִלָּה גַם־הִוא יָלְדָה אֶת־ כב
תּוּבַל קַיִן לֹטֵשׁ כָּל־חֹרֵשׁ נְחֹשֶׁת וּבַרְזֶל וַאֲחוֹת תּוּבַל־קַיִן
נַעֲמָה׃ וַיֹּאמֶר לֶמֶךְ לְנָשָׁיו עָדָה וְצִלָּה שְׁמַעַן קוֹלִי נְשֵׁי ששי
לֶמֶךְ הַאְזֵנָּה אִמְרָתִי כִּי אִישׁ הָרַגְתִּי לְפִצְעִי וְיֶלֶד
לְחַבֻּרָתִי׃ כִּי שִׁבְעָתַיִם יֻקַּם־קָיִן וְלֶמֶךְ שִׁבְעִים וְשִׁבְעָה׃ כד
וַיֵּדַע אָדָם עוֹד אֶת־אִשְׁתּוֹ וַתֵּלֶד בֵּן וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ כה
שֵׁת כִּי שָׁת־לִי אֱלֹהִים זֶרַע אַחֵר תַּחַת הֶבֶל כִּי הֲרָגוֹ
קָיִן׃ וּלְשֵׁת גַּם־הוּא יֻלַּד־בֵּן וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ אֱנוֹשׁ אָז כו
הוּחַל לִקְרֹא בְּשֵׁם יְהוָה׃ ס

ה

זֶה סֵפֶר תּוֹלְדֹת אָדָם בְּיוֹם בְּרֹא אֱלֹהִים אָדָם בִּדְמוּת א
אֱלֹהִים עָשָׂה אֹתוֹ׃ זָכָר וּנְקֵבָה בְּרָאָם וַיְבָרֶךְ אֹתָם ב
וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמָם אָדָם בְּיוֹם הִבָּרְאָם׃ וַיְחִי אָדָם שְׁלֹשִׁים ג
וּמְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בִּדְמוּתוֹ כְּצַלְמוֹ וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ שֵׁת׃
וַיִּהְיוּ יְמֵי אָדָם אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־שֵׁת שְׁמֹנֶה מֵאֹת שָׁנָה ד
וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי אָדָם אֲשֶׁר־חַי תְּשַׁע ה
מֵאוֹת שָׁנָה וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי־שֵׁת חָמֵשׁ ו
שָׁנִים וּמְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־אֱנוֹשׁ׃ וַיְחִי־שֵׁת אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ ז
אֶת־אֱנוֹשׁ שֶׁבַע שָׁנִים וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים
וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי־שֵׁת שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה שָׁנָה וּתְשַׁע מֵאוֹת ח
שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי אֱנוֹשׁ תִּשְׁעִים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־קֵינָן׃ ט
וַיְחִי אֱנוֹשׁ אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־קֵינָן חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה י
וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי יא
אֱנוֹשׁ חָמֵשׁ שָׁנִים וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי קֵינָן יב
שִׁבְעִים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־מַהֲלַלְאֵל׃ וַיְחִי קֵינָן אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ יג

ד, כג׳ אי כחח

זיך גענומען צוויי ווייבער; דער נאָמען פון איינער איז געווען עָדָה, און דער נאָמען פון דער צווייטער צִלָּה. [20] און עָדָה האָט געבאָרן יָבָלן; ער איז געווען דער פאָטער פון די וואָס זיצן אין געצעלטן און האָבן פי. [21] און דער נאָמען פון זיין ברודער איז געווען יוּבַל; ער איז געווען דער פאָטער פון אַלע וואָס האַלטן אַ האַרף און אַ פלייט. [22] און צִלָּה, זי אויך האָט געבאָרן תּוּבַל־קַיִנען, דעם אויס־שלייפער פון אַלערליי קופּער־ און אייזנגעצייג; און די שוועסטער פון תּוּבַל־קַיִנען איז געווען נַעֲמָה.

[23] און לֶמֶך האָט געזאָגט צו זיינע ווייבער:

עָדָה און צִלָּה, הערט מיין קָול,
ווייבער פון לֶמֶכן, פאַרנעמט מיין וואָרט;
וואָרום איך הרגע אַ מאַן פאַר מיין וווּנד,
און אַ יִינגל פאַר מיין בייל;
[24] ווייל זיבנפאַך ווערט געגומען פאַר קַיִנען נקמה,
פאַר לֶמֶכן אָבער זיבן און זיבעציק.

[25] און אָדָם האָט ווידער דערקענט זיין ווייב, און זי האָט געבאָרן אַ זון, און האָט גערופן זיין נאָמען שֵׁת, ווייל: „גאָט האָט מיר באַשערט[א] אַן אַנדער זאָמען אָנשטאָט הֶבלען, אַז קַיִן האָט אים געהרגעט". [26] און ביי שֵׁתן, ביי אים אויך איז געבאָרן געוואָרן אַ זון, און ער האָט גערופן זיין נאָמען אֱנוֹש. דענסמאָל האָט מען אָנגעהויבן רופן צו דעם נאָמען יהוה.

ה [1] דאָס איז דאָס בוך פון די געבורטן פון אָדָמען: ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, האָט ער אים אין דער גלייכעניש פון גאָט געמאַכט; [2] אַ זָכר און אַ נקבה האָט ער זיי באַשאַפן, און ער האָט זיי געבענטשט, און האָט גערופן זייער נאָמען מענטש, אין דעם טאָג וואָס זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן. [3] און אָדָם האָט געלעבט הונדערט און דרייסיק יאָר, און האָט געבאָרן אַ זון אין זיין גלייכעניש, אַזוי ווי זיין געשטאַלט, און האָט גערופן זיין נאָמען שֵׁת. [4] און די טעג פון אָדָמען נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן שֵׁתן, זיינען געווען אַכט הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. [5] און אַלע טעג וואָס אָדָם האָט געלעבט, זיינען געווען ניין הונדערט יאָר און דרייסיק יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

[6] און שֵׁת האָט געלעבט הונדערט יאָר און פינף יאָר, און האָט געבאָרן אֱנוֹשׁן. [7] און שֵׁת האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן אֱנוֹשׁן, אַכט הונדערט יאָר און זיבן יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. [8] און אַלע טעג פון שֵׁתן זיינען געווען ניין הונדערט יאָר און צוועלף יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

[9] און אֱנוֹשׁ האָט געלעבט ניינציק יאָר, און האָט געבאָרן קֵינָנען. [10] און אֱנוֹשׁ האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן קֵינָנען, אַכט הונדערט יאָר און פופצן יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. [11] און אַלע טעג פון אֱנוֹשׁן זיינען געווען ניין הונדערט יאָר און פינף יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

[12] און קֵינָן האָט געלעבט זיבעציק יאָר, און האָט געבאָרן מַהֲלַלְאֵלן. [13] און קֵינָן האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט

[א] שֵׁת.

אֶת־מַהֲלַלְאֵל אַרְבָּעִים שָׁנָה וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד
יד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי קֵינָן עֶשֶׂר שָׁנִים וּתְשַׁע מֵאוֹת
טו שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי מַהֲלַלְאֵל חָמֵשׁ שָׁנִים וְשִׁשִּׁים שָׁנָה
טז וַיּוֹלֶד אֶת־יָרֶד׃ וַיְחִי מַהֲלַלְאֵל אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־יֶרֶד
שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃
יז וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי מַהֲלַלְאֵל חָמֵשׁ וְתִשְׁעִים שָׁנָה וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת
יח שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי־יֶרֶד שְׁתַּיִם וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וּמְאַת
יט שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־חֲנוֹךְ׃ וַיְחִי־יֶרֶד אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־חֲנוֹךְ
כ שְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי־יֶרֶד
כא שְׁתַּיִם וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי
כב חֲנוֹךְ חָמֵשׁ וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־מְתוּשָׁלַח׃ וַיִּתְהַלֵּךְ
חֲנוֹךְ אֶת־הָאֱלֹהִים אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־מְתוּשֶׁלַח שְׁלֹשׁ
כג מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיְהִי כָּל־יְמֵי חֲנוֹךְ חָמֵשׁ
כד וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת שָׁנָה׃ וַיִּתְהַלֵּךְ חֲנוֹךְ אֶת־
כה הָאֱלֹהִים וְאֵינֶנּוּ כִּי־לָקַח אֹתוֹ אֱלֹהִים׃ ס וַיְחִי מְתוּשֶׁלַח
כו שֶׁבַע וּשְׁמֹנִים שָׁנָה וּמְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־לָמֶךְ׃ וַיְחִי
מְתוּשֶׁלַח אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־לֶמֶךְ שְׁתַּיִם וּשְׁמוֹנִים שָׁנָה
כז וּשְׁבַע מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי
מְתוּשֶׁלַח תֵּשַׁע וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס
כח וַיְחִי־לֶמֶךְ שְׁתַּיִם וּשְׁמֹנִים שָׁנָה וּמְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בֵּן׃
כט וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ נֹחַ לֵאמֹר זֶה יְנַחֲמֵנוּ מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן
ל יָדֵינוּ מִן־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר אֵרְרָהּ יְהוָה׃ וַיְחִי־לֶמֶךְ אַחֲרֵי
הוֹלִידוֹ אֶת־נֹחַ חָמֵשׁ וְתִשְׁעִים שָׁנָה וַחֲמֵשׁ מֵאֹת
לא שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיְהִי כָּל־יְמֵי־לֶמֶךְ שֶׁבַע
לב וְשִׁבְעִים שָׁנָה וּשְׁבַע מֵאוֹת שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְהִי־
נֹחַ בֶּן־חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד נֹחַ אֶת־שֵׁם אֶת־חָם
וְאֶת־יָפֶת׃

---

כט, הקורא יטעים הגרש קודם התלשא

געבאָרן מַהֲלַלְאֵלן, אַכט הונדערט יאָר און פערציק יאָר;
און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. 14 און אַלע טעג
פון קֵינָנען זיינען געווען ניין הונדערט יאָר און צען יאָר;
און ער איז געשטאָרבן.

15 און מַהֲלַלְאֵל האָט געלעבט פינף און זעכציק
יאָר, און האָט געבאָרן יֶרֶדן. 16 און מַהֲלַלְאֵל האָט
געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן יֶרֶדן, אַכט
הונדערט יאָר און דרײַסיק יאָר; און ער האָט געבאָרן
זין און טעכטער. 17 און אַלע טעג פון מַהֲלַלְאֵלן זיינען
געווען אַכט הונדערט יאָר און פינף און ניינציק יאָר; און
ער איז געשטאָרבן.

18 און יֶרֶד האָט געלעבט הונדערט יאָר און צוויי
און זעכציק יאָר, און האָט געבאָרן חֲנוֹכן. 19 און יֶרֶד
האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן חֲנוֹכן, אַכט
הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.
20 און אַלע טעג פון יֶרֶדן זיינען געווען ניין הונדערט יאָר
און צוויי און זעכציק יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

21 און חֲנוֹך האָט געלעבט פינף און זעכציק יאָר,
און האָט געבאָרן מְתוּשֶׁלַחן. 22 און חֲנוֹך איז געגאַנגען מיט
גאָט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן מְתוּשֶׁלַחן, דרײַ
הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.
23 און אַלע טעג פון חֲנוֹכן זיינען געווען דרײַ הונדערט יאָר און פינף און זעכציק יאָר. 24 און חֲנוֹך איז געגאַנגען מיט
גאָט; און ער איז ניט געווען, וואָרום גאָט האָט אים צוגענומען.

25 און מְתוּשֶׁלַח האָט געלעבט הונדערט יאָר און זיבן און אַכציק יאָר, און האָט געבאָרן לֶמֶכן. 26 און מְתוּשֶׁלַח
האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן לֶמֶכן, זיבן הונדערט יאָר און צוויי און אַכציק יאָר; און ער האָט געבאָרן
זין און טעכטער. 27 און אַלע טעג פון מְתוּשֶׁלַחן זיינען געווען ניין הונדערט יאָר און ניין און זעכציק יאָר; און ער איז
געשטאָרבן.

28 און לֶמֶך האָט געלעבט הונדערט יאָר און צוויי און אַכציק יאָר, און האָט געבאָרן אַ זון. 29 און ער האָט גערופן
זיין נאָמען נֹחַ, אַזוי צו זאָגן: דער־דאָזיקער וועט אונדז זיין אַ נחמה פאַר אונדזער אַרבעט, און פאַר דער מאַטערניש
פון אונדזערע הענט, פון וועגן דער ערד וואָס גאָט האָט זי פאַרשאָלטן. 30 און לֶמֶך האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער
האָט געבאָרן נֹחַן, פינף הונדערט יאָר און פינף און ניינציק יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. 31 און אַלע
טעג פון לֶמֶכן זיינען געווען זיבן הונדערט יאָר און זיבן און זיבעציק יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

32 און אַז נֹחַ איז געוואָרן פינף הונדערט יאָר אַלט, האָט נֹחַ געבאָרן שֵׁמען, חָמען, און יֶפֶתן.

## ו

א וַיְהִי כִּי־הֵחֵל הָאָדָם לָרֹב עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה וּבָנוֹת יֻלְּדוּ
ב לָהֶם׃ וַיִּרְאוּ בְנֵי־הָאֱלֹהִים אֶת־בְּנוֹת הָאָדָם כִּי טֹבֹת הֵנָּה
ג וַיִּקְחוּ לָהֶם נָשִׁים מִכֹּל אֲשֶׁר בָּחָרוּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה לֹא־
יָדוֹן רוּחִי בָאָדָם לְעֹלָם בְּשַׁגַּם הוּא בָשָׂר וְהָיוּ יָמָיו מֵאָה
ד וְעֶשְׂרִים שָׁנָה׃ הַנְּפִלִים הָיוּ בָאָרֶץ בַּיָּמִים הָהֵם וְגַם אַחֲרֵי־
כֵן אֲשֶׁר יָבֹאוּ בְּנֵי הָאֱלֹהִים אֶל־בְּנוֹת הָאָדָם וְיָלְדוּ לָהֶם
הֵמָּה הַגִּבֹּרִים אֲשֶׁר מֵעוֹלָם אַנְשֵׁי הַשֵּׁם׃ פ
מפ׳ וַיַּרְא יְהוָה כִּי רַבָּה רָעַת הָאָדָם בָּאָרֶץ וְכָל־יֵצֶר
ו מַחְשְׁבֹת לִבּוֹ רַק רַע כָּל־הַיּוֹם׃ וַיִּנָּחֶם יְהוָה כִּי־עָשָׂה
ז אֶת־הָאָדָם בָּאָרֶץ וַיִּתְעַצֵּב אֶל־לִבּוֹ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶמְחֶה
אֶת־הָאָדָם אֲשֶׁר־בָּרָאתִי מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה מֵאָדָם עַד־
בְּהֵמָה עַד־רֶמֶשׂ וְעַד־עוֹף הַשָּׁמָיִם כִּי נִחַמְתִּי כִּי עֲשִׂיתִם׃
ח וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי יְהוָה׃ פ

ו [1] און עס איז געווען, אַז די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן מערן אויפֿן געזיכט פֿון דער ערד, און בײַ זיי זײַנען געבאָרן געוואָרן טעכטער, [2] האָבן די זין פֿון גאָט[א] געזען די טעכטער פֿון מענטשן אַז זיי זײַנען שיין, און זיי האָבן זיך גענומען ווײַבער וועמען־נאָר זיי האָבן אויסדערוויילט. [3] האָט גאָט געזאָגט: מײַן גייסט זאָל ניט בלײַבן אין דעם מענטשן אויף אייביק, וואָרום ער איז פֿאָרט פֿלייש; נאָר זײַנע טעג זאָלן זײַן הונדערט און צוואַנציק יאָר.

[4] די נפֿילים זײַנען געווען אויף דער ערד אין יענע טעג—און אויך דערנאָך—ווען די זין פֿון גאָט פֿלעגן קומען צו די טעכטער פֿון מענטשן, און זיי פֿלעגן געבערן פֿון זיי; דאָס זײַנען די גיבורים וואָס פֿון פֿאַרצײַטן, מענער מיט אַ נאָמען.

[5] און גאָט האָט געזען אַז דאָס בייז פֿון דעם מענטשן איז גרויס אויף דער ערד, און די גאַנצע טראַכטונג פֿון די מחשבות פֿון זײַן האַרצן איז רק צום בייזן אַ גאַנצן טאָג. [6] און גאָט האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט געמאַכט דעם מענטשן אויף דער ערד, און ער איז געווען באַקומערט אין זײַן האַרצן. [7] און גאָט האָט געזאָגט: איך וועל אָפּמעקן דעם מענטשן וואָס איך האָב באַשאַפֿן, פֿון דעם געזיכט פֿון דער ערד; פֿון אַ מענטשן ביז אַ בהמה, ביז אַ שרץ, און ביז אַ פֿויגל פֿון הימל; וואָרום איך האָב חרטה וואָס איך האָב זיי געמאַכט. [8] אָבער נח האָט געפֿונען לײַטזעליקייט אין די אויגן פֿון גאָט.

## נחַ

ט אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו
י אֶת־הָאֱלֹהִים הִתְהַלֶּךְ־נֹחַ׃ וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים אֶת־
יא שֵׁם אֶת־חָם וְאֶת־יָפֶת׃ וַתִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ לִפְנֵי הָאֱלֹהִים
יב וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ חָמָס׃ וַיַּרְא אֱלֹהִים אֶת־הָאָרֶץ וְהִנֵּה
נִשְׁחָתָה כִּי־הִשְׁחִית כָּל־בָּשָׂר אֶת־דַּרְכּוֹ עַל־הָאָרֶץ׃ ס
יג וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים לְנֹחַ קֵץ כָּל־בָּשָׂר בָּא לְפָנַי כִּי־מָלְאָה
יד הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם וְהִנְנִי מַשְׁחִיתָם אֶת־הָאָרֶץ׃ עֲשֵׂה
לְךָ תֵּבַת עֲצֵי־גֹפֶר קִנִּים תַּעֲשֶׂה אֶת־הַתֵּבָה וְכָפַרְתָּ אֹתָהּ
טו מִבַּיִת וּמִחוּץ בַּכֹּפֶר׃ וְזֶה אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה אֹתָהּ שְׁלֹשׁ מֵאוֹת
אַמָּה אֹרֶךְ הַתֵּבָה חֲמִשִּׁים אַמָּה רָחְבָּהּ וּשְׁלֹשִׁים אַמָּה
טז קוֹמָתָהּ׃ צֹהַר ׀ תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה וְאֶל־אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה
וּפֶתַח הַתֵּבָה בְּצִדָּהּ תָּשִׂים תַּחְתִּיִּם שְׁנִיִּם וּשְׁלִשִׁים
יז תַּעֲשֶׂהָ׃ וַאֲנִי הִנְנִי מֵבִיא אֶת־הַמַּבּוּל מַיִם עַל־הָאָרֶץ

[9] דאָס איז די געשיכטע פֿון נחן. נח איז געווען אַ גערעכטער, ערלעכער מאַן אין זײַן דור; מיט גאָט איז געגאַנגען נח. [10] און נח האָט געבאָרן דרײַ זין: שֵם, חָם, און יֶפֶת. [11] און די ערד איז פֿאַרדאָרבן געוואָרן פֿאַר גאָט, און די ערד איז פֿול געוואָרן מיט אומרעכט. [12] און גאָט האָט געזען די ערד, ערשט זי איז פֿאַרדאָרבן, ווײַל יעטוועדער לײַב האָט פֿאַרדאָרבן זײַן וועג אויף דער ערד. [13] און גאָט האָט געזאָגט צו נחן: דער סוף פֿון אַלע לײַבער איז געקומען פֿאַר מיר, וואָרום די ערד איז פֿול מיט אומרעכט דורך זיי; און זע, איך ברענג זיי אום מיט דער ערד. [14] מאַך דיר אַ תבה פֿון פֿימסנהאָלץ; אין קאַמערן זאָלסטו מאַכן די תבה, און זאָלסט זי אויספּעכן פֿון אינעווייניק און פֿון אויסנווייניק מיט פּעך. [15] און אָט ווי דו זאָלסט זי מאַכן: דרײַ הונדערט איילן די לענג פֿון דער תבה, פֿופֿציק איילן איר ברייט, און דרײַסיק איילן איר הייך. [16] אַ גיבלדאַך זאָלסטו מאַכן צו דער תבה, און אויף אַן אייל [די ברייט] זאָלסטו זי פֿאַרענדיקן פֿון אויבן; און דעם אַרײַנגאַנג פֿון דער תבה זאָלסטו מאַכן אין איר זײַט; מיט אַן אונטערשטן, צווייטן, און דריטן שטאָק זאָלסטו זי מאַכן. [17] און איך, זע, איך ברענג אַ מבול וואַסער אויף דער

[א] די מלאָכים.